ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



## כ"ח אדר ב' תשס"ה

## פרשת תזריע

טייערע קינדער שלוחים,

א גוטן ערב שבת. קענט איר גלויבן?! דעם שבת איז שוין שבת מברכים חודש ניסן!! ווי דער צייט פליט ווען מען איז פארנומען!!

קינדער, חודש ניסן איז זייער א ספעציעלע חודש. א חודש פון גאולה. "**בניסן נגאלו אבותנו ממצרים ובניסן עתידין להגאל.**" אין חודש ניסן זיינען די אידן ארויסגענומען געווארן פון מצרים און אין ניסן וועלן מיר ארויסגיין פון אונזער גלות. וויאזוי ברענגט מען דעם גאולה? דורך די טייערע שלוחים ווי אייך, וואס ארבעטן אזוי שווער זיכער צו מאכן אז אלע אידן האבן וואס זיי דארפן – מצות, וויין, א סדר און אלע אנדערע זאכן צו פייערן דעם יום טוב פון פסח. דורך אייער ארבעט ברענגט איר די גאולה פאר דעם גאנצן אידישן פאלק!! לאמיר בעטן טאקע פייערן דעם פסח אין ירושלים מיט משיח נאו!!

אײדלה װעכטער

# פרשת החודש

דעם שבת, דער שבת פאר ראש חדש ניסן, לייענט מען אין שוהל פרשת "החודש". "החודש" רעדט וועגן דער אויבערשטן'ס באפעל צו משה רבינו וועגן דער מצוה פון קידוש החודש– די וועג ווי אידן–בית דין– דארפן אפמאכן ווען דער חודש הויבט זיך אן. דער אויבערשטער האט אנגעזאגט משה רבינו אז חודש ניסן זאל זיין דעם ערשטן חודש אין אונזער לוח. מיר לייענען אויך ווי דער אויבערשטער האט אנגעזאגט משה רבינו וועגן די מצוה פון קרבן פסח. ווען מיר לייענען דאס, לאמיר בעטן ביים אויבערשטן אז מיר זאלן שוין ברענגען דעם קרבן פסח דעם יאר אין ירושלים!!






# לעבן מיט דער צייט

### פרשת תזריע

**וביום השמיני ימול בשר ערלתו**

דער ערשטער וואס איז גע'מל'ט געווארן צו אכט טעג, איז געווען יצחק אבינו.

דער נאמען "יצחק" איז פון לשון שמחה, ווי עס שטייט "**כל השומע יצחק לי**" (דער וואס וועט הערן וועט זיך פרייען פאר מיר).

און דאס לערנט אונז, אז די מצוה פון ברית מילה, דארף געטאן ווערן מיט שמחה. און ווי מיר זען, אז ווען עס ווערט געבוירן א אידיש קינד, קען מען קוים אפווארטן די אכט טעג, און מ'איז אים גלייך מל און מען פירט אים אריין "בבריתו של אברהם אבינו".

און דערפון לערנט מען אויך אפ בנוגע צו די אלע ענינים פון אידישקייט, וואס דורך תורה און מצוות שאפט מען א פארבונד, א "ברית", מיטן אויבערשטן, אז מען דארף זיי טאן ניט ווי א געצוואונגענע זאך, נאר מיט שמחה און עונג.

און דאס ברענגט שמחה צו אלע אידן ארום - "כל השומע יצחק לי". ווארום בשעת מען זעט אז מ'האט זוכה געווען צו א אידיש קינד וואס איז גורם שמחה דעם אויבערשטן, האבן אידן דעם אמת'ן נחת, און זיי קענען זיך ניט איינהאלטן פון ארויסווייזן אן אפענע שמחה, "כל השומע יצחק לי".

*(פון דער רבי'ן רעדט צו קינדער - כ' מנחם אב תשמ"ט)*

# דעם חסידיש'ן לוח

## ב' ניסן



יארצייט פון דער רבי רש"ב.

**ראסטאוו, ערב שבת קודש פרשת ויקרא.** אלע חסידים זיינען צוזאמענגעקומען אין דעם זאל פון דער רבי רש"ב. זיי האבן געדאוונט און האבן געזאגט תהילים מיט גרויס געוויין. דער רבי איז שוין זייער ניט געזונט געווען.

מוצאי שבת קדש האט דער רבי רש"ב זיך אויסגעדרייט צו דער פריערדיקע רבי וואס ער איז געזעצן לעבן אים, און האט געזאגט, "איך גיי אין הימל, די כתבים לאז איך פאר אייך, נעמט מיר אין זאל וועלען מיר זיין אין איינעם".

ווען דער פריערדיקע רבי האט דאס געהערט און האט פארשטאנען אז דאס מיינט אז זיין טאטע'ס גשמיותדיקע לעבן וועט זיך באלד ענדיקן איז ער זייער צוטומלט געווארן. ווען דער רבי רש"ב האט דאס געזען, האט ער געבעטן זיין זוהן זיך בארואיקן. יעצט, לויטן געבעט פון דער רבי האט מען אים אריינגעברענגט אין צימער וואו ער האט געלערנט און געדאוונט.

אלע חסידים האבן זיך איינגעזאמלט און האבן געזאגט תהילים. די חסידים האבן אויפגעשטעלט א בית דין און חסידים האבן געגעבן פון זייער לעבן צום רבי'ן. מען האט געלאזן חסידים געבן ביז א האלב יאר פון זייער לעבן. רביצין שטערנא שרה האט געוואלט געבן 10 יאר!! אבער מען האט נאר מסכים געווען צו נעמען פון איר 2 יאר.

ארום צווי אזייגער אינדערפרי האט דער פריערדיקע רבי געזען ווי זיין טאטע רוקט זיין קאפ אים צו געבן א ברכה. דער פריערדיקע רבי האט גערוקט זיין קאפ צו זיין טאטע און באקומען א ברכה. דערנאך האט דער רבי רש"ב געבענטשט זיינע אייניקלאך.

ווען ער האט באמערקט אז זיין טאטע ווערט נאכמער שוואך, האט דער פריערדיקע רבי אנגעהויבן שרייען "טאטע טאטע!" דער רבי רש"ב האט אויפגעעפענט זיינע הייליקע אויגן, אנגעקוקט זיין טייערע אײנציגסטע זוהן און צוויי טרערן זיינען ארויסגעקומען פון זיינע אויגן. דער רבי רש"ב האט גלייך פארמאכט זיינע אויגן, און נאך א פאר סעקונדעס האט דער רבי רש"ב אויפגעהערט עטעמען . די חסידים האבן צוזאמען געשריען "שמע ישראל" מיט גרויס געוויין, און דער רבי רש"ב האט צוריקגעגעבן זיין הייליקע נשמה צום אויבערשטן .

דער רבי רש"ב'ס אהל איז אין ראסטאוו, דער פלאץ פון וואו ער האט אנגעפירט זיינע חסידים אין די לעצטע יארן.

*אויף ב' ניסן דארפן מיר אננעמען פעסטע החלטות אין לערנען און פארשפרייטן חסידות, אז מיר זאלן שוין קענען זען דער רבי רש"ב מיט די התגלות פון משיח נאו!*

*(פון אשכבתא דרבי)*

# דערציי'לן מ'יר א מעשה

מוצאי פסח. אלע אידן ארום דער וועלט האבן געלאפן אוועקצולייגן זייערע פסח'דיקע כלים, און האבן ארייגעפאלן גלייך אין נארמאלע לעבן. אבער ניט אין קראון הייטס!! אין 770 איז דער רבי געשטאנען און האט געטיילט כוס של ברכה. איינע נאך אן אנדערע זיינען געגאנגען אדורך אנצופילן זייער כוס מיט דער רבי'ס ווארעמע ברכות און הייליקע וויין.

אינצווישן די הונדערטע אידן וואס זיינען דורכגעגאנגען דער רבי איז געווען א איד וואס האט געווארט אומגעדולטערהייט פאר זיין ברכה פון דער רבי. ענדליך איז געקומען זיין צייט צו באקומען כוס של ברכה.

ער האט אויסגעשטרעקט זיין לינקע האנט צו באקומען וויין. דער רבי האט אים ניט אנגעגאסן וויין, נאר האט אים באוויזן אז ער זאל אויסשטרעקן זיין רעכטע האנט. ער האט ניט געביטן זיין הענט. איינער האט אים געזאגט "ר' איד, האלט דעם כוס אין דיין רעכטע האנט - דער רביווארט!!"

מיט ציטערניש האט דער מענטש אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האנט און דער רבי האט אנגעפילט זיין גלאז. מענטשן ארום אים זיינען געווארן נערוועז אויף אים. פארוואס האט ער געמאכט דער רביווארטן?

ער האט זיי פארשטאנען אינגאנצן. זיי האבן ניט געוואוסט וואס האט זיך דא אויפגעטאן. נאר ער האט געוואוסט אז אין דעם צייט האט ער באקומען א געוואלדיקע ישועה. דאס איז דער ערשטע מאל וואס ער האט גערוקט זיין רעכטע האנט אין א לאנגע צייט. זיין רעכטע האנט איז פריער געווען פאראלאזירט!!

*קינדער, פסח איז א צייט פון נסים. עס איז א צייט צו דערציילן מעשה'ס פון נסים פון דער אויבערשטער, און נסים וואס זיינען געשעהן ביי אונזער רבי.*

# משיח נאו!

ווען די אידן זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים זיינען ניט אלע אידן ארויסגעגאנגען. 80 פראצענט(!) פון די אידן זיינען געבליבן אין מצרים און זיינען נפטר געווארן אין צייט פון מכת חשך. אבער אין צייט פון אונזער גאולה, דער גאולה האמיתית והשלימה, וועט יעדער איינציקע איד ארויסגיין פון גלות און גיין צו ירושלים מיט משיח!!

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, ד' ניסן, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

# שאלות—פרשת תזריע

1. וואס זעט מען אין דעם ווארט יצחק? ____________________________
2. וואס איז די אפלערנונג פאר אונז בנוגע יעדער מצוה? ______________
________________________________________________________________
3. וועגן וואס רעדט זיך אין פרשת החודש? __________________________
4. וואס האט דער רבי אויסגעטיילט מוצאי יום טוב? ________________
________________________________________________________________
5. ווער איז געווען דער איינציגסטע זון פון דער רבי רש"ב? ___________
________________________
6. ווען איז דער רבי רש"ב נפטר געווארן? ___________________________
7. וואו איז זיין אהל? ______________________
8. וועלכע ישיבה איז יעצט דארטן אויפגעשטעלט געווארן? __________
______________
9. ווען זיינען אידן געשטארבן אין מצרים? ___________________________
10. וואס וועט זיין אנדערש אין אונזער גאולה? _______________________

נאמען: ___________________________ ווי אלט: ____

אדרעס: __________________________________________

אי-מייעל: _____________________________________

## הצלחה רבה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org